ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

**ויחי**

**(חלק טו — שיחה ב)**

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה

שנת המאה ועשרים להולדת כ״ק אדמו״ר זי״ע

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות — שבוע פרשת ויחי, ח-יד טבת, ה׳תשפ״ב (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2021
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# ויחי ב

א. אין היינטיקער סדרה[1] ווערט דער־ציילט ווי יוסף האָט אַוועקגעשטעלט זיינע צוויי זין, אפרים ומנשה, פאַר יעקב׳ן, אַז ער זאָל זיי בענטשן. האָט יעקב אַרויפגעלייגט זיין רעכטע האַנט אויף אפרים׳ען, און זיין לינקע האַנט אויף מנשה׳ן. ווען יוסף האָט דאָס דער־זען, איז „וירע בעיניו גו׳ ויאמר יוסף אל אביו לא כן אבי כי זה (מנשה) הבכור שים ימינך על ראשו". האָט יעקב געענטפערט „ידעתי בני ידעתי גם הוא גו׳ ואולם אחיו הקטן יגדל ממנו גו׳ וישם את אפרים לפני מנשה".

דאַרף מען פאַרשטיין: דאָס וואָס אַ בכור באַקומט אַ גרעסערע ברכה ווי אַלע אַנדערע קינדער, איז עס דערפאַר וואָס אַ בכור האָט אין זיך אַ מעלה וחשיבות לגבי די אַנדערע קינדער[2]. היינט ווי־באַלד אַז אפרים איז גרעסער במעלה ווי מנשה[3] („אחיו הקטן יגדל ממנו"), פאַרוואָס־זשע איז מלמעלה אויסגע־שטעלט געוואָרן אַז מנשה זאָל זיין דער בכור לגבי אפרים?

איז דערפון געדרונגען, אַז טראָץ דעם וואָס „אחיו הקטן יגדל ממנו גו׳", איז אָבער דאָ אַ מעלה אין מנשה לגבי אפ־רים, און מצד אָט דער מעלה איז ער דער בכור יוסף;

נאָר בשייכות צו ברכת יעקב איז וויכ־טיק דער ענין אין וועלכן אפרים איז העכער פון מנשה, און דעריבער — „וישם את אפרים לפני מנשה".

ב. נאָך אַן ענין אין דעם:

ווי גערעדט מערערע מאָל, איז ביי צדיקים — ובפרט ביי די אבות ושבטים — ניט שייך קיין טעות ח"ו; ובפרט זייערע ענינים וועלכע שטייען אין תורת אמת, זיינען זיי אַוודאי ענינים אמיתיים[4] ונצ־חיים[5], און ווייל תורה איז (מלשון) הור־ראה[*5] — איז עס אויך אַ הוראה נצחית פאַר יעדן אידן בכל הדורות.

דערפון איז מובן, אַז יוסף׳ס טענה „כי זה הבכור שים ימינך על ראשו" (פון מנשה) איז ניט געווען ווייל ער האָט געהאַט אַ טעות ח"ו און האָט ניט גע־וואוסט אַז „אחיו הקטן יגדל ממנו", נאָר ווייל ער האָט געהאַלטן אַז די מעלה פון מנשה [וואָס מצד איר איז „זה הבכור" (כנ"ל סעיף א׳)] וועגט איבער די מעלה פון אפרים׳ען.

דאָס הייסט, אַז ביידע ענינים — סיי דאָס וואָס יוסף האָט געהאַלטן אַז די מעלה פון מנשה׳ן איז העכער, און סיי יעקב׳ס שיטה אַז אפרים איז העכער — זיינען אמת: מצד ענינו (ועבודתו) של יוסף איז מנשה העכער[6], און מצד ענינו

1) פרשתנו מח, יג־כ.

2) ראה פרשתנו מט, ג: ראובן בכורי אתה גו׳ יתר שאת ויתר עז. ובדרז"ל עה"פ.

3) עד שיעקב לא הי׳ יכול לברך את מנשה שיגדל מאפרים, כי בשרש, אפרים קודם למנשה (לקו"ת ראה יט, א. ד"ה כה תברכו הב׳ תרכ"ו. ובכ"מ).

4) וצ"ע מויצא (לא, לב) ובפרש"י שם.

5) בלשון התניא (רפי"ז): והתורה היא נצחית. וראה לקו"ש ח"ה ע׳ 240 ואילך, וש"נ.

*5) זח"ג נג, ב.

6) ועפ"ז יומתק שבברכת יעקב ליוסף „המלאך גו׳ יברך את הנערים גו׳" (מח, טו־טז) (בלשון

(ועבודתו) של יעקב איז אפרים העכער.

און דערפאַר זעט מען, אַז בנוגע צו „וליוסף יולד שני בנים" איז „הבכור מנשה", וואָס אין אַ בכור שטייט דער כח האב מער ווי אין די אַנדערע קינדער[7]; משא"כ אין זייער יחס צו יעקב'ן — „שני בניך גו' לי הם (ובסדר:) אפרים ומנשה כראובן ושמעון יהיו לי"[8] — אפרים[9] פאַר מנשה'ן, ער איז „כראובן" בכור יעקב[10].

ג. דעם חילוק צווישן מנשה און אפ־רים — און אויך ווי דער עילוי פון מנשה איז שייך צו יוסף'ן און פון אפרים — צו (ברכת) יעקב — וועט מען פאַרשטיין פון דעם אונטערשייד אין זייערע נעמען:

ביידע נעמען — „מנשה" על שם „כי נשני אלקים את כל עמלי ואת כל בית אבי"[11] און „אפרים" על שם „כי הפרני אלקים בארץ עניי"[12] — דריקן אויס די געפילן וואָס די ירידה אין מצרים האָט אַרויסגערופן ביי יוסף'ן, נאָר יעדער נאָמען אין אַ פאַרקערטן קצה:

דער נאָמען „מנשה" דערמאָנט יוסף'ן אַז „נשני גו' בית אבי" (אַז ער געפינט זיך אין אַן אָרט וואָס מאַכט אַוועקשפרי־נגען פון[13] (פאַרגעסן) „בית אבי"), דריקט אויס זיין תשוקה[14] (ניט צו פאַרגעסן, נאָר) צו זיין פאַרבונדן מיט „בית אבי"; דאַקעגן „אפרים" — „הפרני אלקים בארץ עניי" איז אַ שבח והודאה אויף דעם עילוי ויתרון („הפרני") וואָס איז ביי אים געוואָרן אין מצרים.

די צוויי ענינים זיינען פאַרבונדן מיט די צוויי אופנים[15] אין דער עבודה פון אַ אידן „בארץ עניי", אין גלות:

איין אופן איז: ער האָרעוועט אויף ניט צו באַווירקט ווערן פון דער סביבה, דורך בלייבן צוגעבונדן מיט „בית אבי" (דער מצב ווי ער איז געווען פאַר דער ירידה אין גלות); ער דערמאָנט זיך כסדר אַז ער געפינט זיך אין אַ מצב וואָס מאַכט פאַרגעסן „בית אבי" — און דאָס פועל'ט אַז ער זאָל ניט פאַרגעסן.

אַ צווייטער אופן איז: ער איז (און זיין עבודה איז) אין „ארץ עניי", אין דעם חושך הגלות — ביז אין אַן אופן, אַז ביי אים איז ניטאָ (אויף אַזויפיל) דער זכרון פון „בית אבי" — און דאָרטן האָרעוועט ער (צו באַלייכטן דעם חושך הגלות מיטן אור הקדושה; און דורכדעם ווערט אויפ־געטאָן אַן עילוי ויתרון אויך אין דעם אדם העובד) ביז אַז — „הפרני אלקים (דוקא) בארץ עניי".

ד. דאָס איז דער טעם פאַרוואָס אפרים איז — „יגדל ממנו" (פון מנשה'ן), ווייל דער תכלית העילוי פון דער ירידה אין מצרים (און גלות בכלל) איז ירידה צורך עלי', העכער ווי קודם הירידה, (ניט נאָר דער ניט־פאַרגעסן „בית אבי", נאָר (בעיקר) צו אויפטאָן אין גלות), אַז עס זאָל צוקומען אַ יתרון

---

רש"י שם. וראה משכיל לדוד שם) — מנשה קודם לאפרים — אף שזה הי' לאחרי ש„שכל את ידיו" (שם, יד).

7) ראה שער המצות (להאריז"ל) פ' יתרו. ל"ת פ' וירא.

8) פרשתנו מח, ה.

9) להעיר מרש"י פרשתנו (מח, א), דאפרים הי' רגיל לפני יעקב בתלמוד. וראה ויק"ר פ"ב, ג.

10) ראה אלשיך עה"פ. מדרש הגדול. וראה ב"ר פ"ו, ד. פס"ר רפ"ג.

11) מקץ מא, נא.

12) שם, נב.

13) רש"י וישלח לב, לג. — עפ"ז מתורץ העדר פרש"י ב„נשני" (משא"כ הראב"ע, הרשב"ם וכו'). וכן לא ב„הפרני" שמובן מפרש"י תולדות כו, כב.

14) עפ"ז מובן הטעם לנתינת שם „מנשה" — על שם שנשהו כל בית אביו (כקושיית האלשיך עה"פ).

15) להעיר מנועם אלימלך פרשתנו מח, יג.

דורך דער ירידה — „הפרני אלקים בארץ עניי".

לאידך איז מנשה דער בכור. ווייל אין „לידה"[16] (והתגלות), דאָס הייסט אין עבודה בגלוי ובפועל — קומט מנשה פריער ווי אפרים: איידער מען קען אויפטאָן אין „ארץ עניי" (אַז עס זאָל זיין „הפרני אלקים") — עשה טוב[17], מוז מען זיך פריער באַוואָרענען אַז מען זאָל ניט באַווירקט ווערן פון דעם חושך הגלות — סור מרע[17] — דורך שטענדיק געדענקען (און זיין פאַרבונדן מיט) „בית אבי".

וויבאַלד אָבער אַז די כוונה איז די עלי' — אפרים, דעריבער איז אין ברכת יעקב[18] — די ברכה ונתינת כח מל־מעלה[19] אויף דער עבודה דגלות — איז אפרים חשוב'ר, „וישם את אפרים לפני מנשה".

ה. אַ טיפערע הסברה אין דעם:

אין דעם עילוי ויתרון וואָס טוט זיך אויף אין אַ אידן דורך דער עבודה אין (חושך ה)גלות, זיינען פאַראַן כמה ענינים:

א) די ירידה רופט אַרויס דעם תוקף הנשמה ניט צו באַווירקט ווערן פון דעם חושך הגלות. בדוגמא ווי אַ מנגד דוקא רופט אַרויס מדת הנצחון[20]. וע"ד מש"נ: צמאה לך נפשי גו' (ווייל ער איז) בארץ צי' גו' (והלואי זאָל זיין) כן בקודש חזיתיך[21].

ב) טיפער דערפון: דורך אַ ירידה גדולה ברענגט זיך אַרויס דער טיפערער תוקף פון נשמה, וואָס האָט ניט קיינע הגבלות, וואָס מצד דעם האָט ער בכח [ניט נאָר צו בלייבן גאַנץ אַז דער גלות פועל'ט ניט קיין ירידה אין אים, נאָר אדרבה] צו ווירקן אויף זיין אַרום און אים אויפהויבן צו זיין דרגא, ביז צו מהפך זיין דעם חושך הגלות לאור.

אָבער די צוויי ענינים זיינען נאָר אַן עילוי ויתרון וואָס קומט אין דער נשמה מצד עצמה, ס'איז בלויז וואָס אָט דער עילוי (וואָס איז דאָ אין נשמה) ווערט אַנטפּלעקט דוקא דורך דער עבודה אין גלות.

עס קומט אָבער צו אין דער נשמה (מצד איר עבודה אין גלות) נאָך אַ העכערער ענין:

ג) דורך דעם וואָס מען מאַכט איבער דעם חושך הגלות לאור ווערט אויפגע־טאָן אין דער נשמה אַ יתרון וואָס איז ניטאָ אין איר מצד עצמה — בדוגמת הבעל תשובה וועלכער האָט אויך זכיות וועלכע זיינען געוואָרן מזדונות, משא"כ באַ אַ צדיק[22].

ו. דערמיט וועט מען פאַרשטיין דעם חילוק צווישן מנשה און אפרים:

16) להעיר מרש"י תולדות כה, כו.

17) ראה במקומות שצויינו בהערה 10, דאפרים הוא כראובן ומנשה כשמעון, ובתו"א (ריש פרשתנו) דראובן — חסד, ושמעון — גבורה.

18) היינו כמו שהוא בשרש — ראה בהנסמן לעיל הערה 3.

19) וכן מצד האדם. דאף שבהעבודה בפועל מנשה קודם (כנ"ל) — הנה בההכנה להעבודה אפרים קודם. כי קודם שיורד בגלות צ"ל הידיעה שהירידה היא צורך עלי', ורק עי"ז גם התחלת העבודה (סו"מ — שלא ישכח „בית אבי") תהי' כדבעי.

20) ראה תורת חיים שמות ד"ה צדקת פרזונו (שכג, א ואילך). המשך באתי לגני השי"ת פי"א.

21) תהלים סג, ב. תורת הבעש"ט — כש"ט הוספות סי' נב. וש"נ.

22) ודוגמתו בכל אדם: נרוצה ובכל מאדך שנעשה בנפה"א ע"י נפה"ב (תו"א לט, ג־ד. וראה בארוכה ס' הערכים־חב"ד ע' אהבת ה' — ההוספה שבה ע"י נה"ב, וש"נ).

ביידע זיינען קינדער פון יוסף, זיי ברענגען אַרויס זיין ענין — „יוסף" על שם „יוסף ה' לי בן אחר"[23], דאָס מיינט די הוספה וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך דער עבודה אין גלות (מאַכן פון „אחר" — סט"א — אַ „בן"[24]); נאָר אין דעם גופא זיינען פאַראַן די צוויי דרגות[25]:

„מנשה" — דער תוקף הזכרון פון „בית אבי" (כנ"ל) — דער תוקף הנשמה וואָס איז נתגלה געוואָרן ביי יוסף'ן דורך זיין עבודה אין מצרים; „אפרים" ווייזט אָבער אויפן יתרון האור וואָס איז נמשך גע־וואָרן „מן החושך" עצמו — „הפרני אל־קים (דוקא) בארץ עניי".

און היות אַז דער העכסטער עילוי איז דער יתרון, וואָס ווערט נמשך מן החושך עצמו — דעריבער איז אפרים העכער פון מנשה.

ז. לויט דעם ווערט אָבער שווערער צו פאַרשטיין די שייכות פון מנשה צו יוסף און אפרים צו יעקב. דלכאורה, ע"פ הנ"ל האָט געדאַרפט זיין פאַרקערט:

„מנשה", וואָס קומט דערמאָנען אויף „בית אבי" (כנ"ל) — דאַרף האָבן מער שייכות צו יעקב'ן, און אפרים — „הפרני אלקים בארץ עניי" — דאַרף זיין שייך צו יוסף'ן, צו דער הוספה וואָס קומט צו דורך דער עבודה פון „יוסף ה' לי בן אחר"[25*]?

וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם הביאור אין פסוק[8] „ועתה שני בניך הנולדים לך בארץ מצרים עד בואי אליך מצרימה לי הם אפרים ומנשה כראובן ושמעון יהיו לי" — וואָס דאָ איז ניט פאַרשטאַנדיק[26]:

לכאורה וואָלט געווען גענוג צו זאָגן בקיצור „ועתה שני בניך אפרים ומנשה לי הם כראובן ושמעון יהיו לי". וואָס איז די אריכות אין פסוק „הנולדים לך בארץ מצרים עד בואי אליך מצרימה"?

וי"ל, אַז דאָס איז ניט בלויז אַ סימן וועלכע פון די בני יוסף גייען אַריין במנין השבטים — נאָר דאָס איז (אויך) אַ טעם והסברה, פאַרוואָס זיי זיינען שייך צו יעקב'ן („לי הם"): מצד דעם וואָס זיי זיינען געבאָרן געוואָרן צו יוסף'ן „בארץ מצרים", און דערצו נאָך — „עד בואי אליך מצרימה", איז דערפאַר — „לי הם".

בפשטות: דורך דעם וואָס חאָטש זיי זיינען געבאָרן געוואָרן אין מצרים און זיך אויפגעהאָדעוועט אין אַ סביבה וואו יעקב האָט זיך ניט געפונען, און פונ־דעסטוועגן האָבן זיי זיך געפירט ווי יעקב'ס אייניקלעך איז לי הם — אין דעם דריקט זיך אויס די אמת'ע שלימות פון יעקב[27].

ח. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין פאַרוואָס אין דעם ענין האָט יעקב מקדים געווען אפרים'ען פאַר מנשה'ן (כנ"ל סעיף ב'):

וויבאַלד אַז מנשה ווייזט ווי ס'ווערט ניט נפסק דער זכרון און די שייכות צו „בית אבי" (כנ"ל בארוכה), קומט אויס, אַז מצד דעם אופן העבודה איז ניטאָ דער אמת'ער מצב פון „עד בואי אליך

23) ויצא ל, כד.

24) אוה"ת עה"פ. פרשתנו שפו, א־ב. ובכ"מ.

25) להעיר מהמשך תרס"ו (ע' שפד) שביוסף יש ב' ענינים: כמו שהי' אצל יעקב כו', וכאשר נתרחק מאביו כו' שאז דוקא הצליח ביותר.

*25) וראה אוה"ת ירמי' ע' שעח־שפא.

26) ראה גם אלשיך ועוד עה"פ. רמב"ן מח, טו.

27) דייעקב (דוקא) מטתו שלימה (ויק"ר פל"ו, ה. פרש"י פרשתנו מז, לא. וראה פסחים נו, א. ועוד).

מצרימה" — ווייל ס'איז כסדר פאַראַן (דער זכרון פון) "בית אבי";

דער אמיתית המצב פון "עד בואי אליך מצרימה" איז אין אופן העבודה פון אפ־רים, וואָס באַווייזט אַז מ'געפינט זיך "בארץ עניי", עס זעט זיך ניט אָן (בחיצו־ניות) זיין פאַרבונד מיט יעקב ("בית אבי") — און פונדעסטוועגן איז ער עובד עבו־דתו באופן אַז עס איז אין אים ניכר אַז ער איז יעקב'ס אַן אייניקל.

ט. עס איז מבואר אין חסידות[28], אַז יעקב איז מדת האמת וואָס איז מבריח מן הקצה אל הקצה[29], פון דעם קצה הכי עליון ביז דעם קצה הכי תחתון; און בפועל פירט זיך דאָס אויס דורך יוסף'ן — ווייל יעקב (מצד עצמו) איז מדריגתו אין אצילות, העכער פון עולמות בי"ע, און יוסף טראָגט אַראָפּ מדריגת יעקב (אצילות) אין עולמות בי"ע, ביז אין עוה"ז התחתון (קצה הכי תחתון),

[וואָס דאָס איז דער טעם פנימי וואָס דורך יוסף'ן איז געווען די ירידה פון יעקב'ן אין מצרים — מצרים וגבולים (עולמות בי"ע)].

און אַזוי אויך בנוגע דעם קצה העליון: דוקא דורך אתהפכא חשוכא (פון עולמות בי"ע) לנהורא — "יוסף ה' לי בן אחר" — ווערט דער יתרון האור מן החשך, העכער פון אצילות (מדריגת יעקב מצד עצמו)[30].

דערמיט איז מען אויך מבאר[31] פאַר־וואָס די זיבעצן יאָר וואָס יעקב איז געווען אין מצרים זיינען געווען זיינע בעסטע יאָרן — "ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה"[32]. ווייל דוקא דורך דער ירידה אין מצרים איז ער צוגעקו־מען צו זיין שלימות, מבריח מן הקצה (הכי עליון) אל הקצה (הכי תחתון).

יוד. וויבאַלד אַז אפרים ומנשה פאַר־נעמען מקום יוסף אין מנין השבטים — איז פאַרשטאַנדיק, אַז זיי זיינען אַ "מעין" פון "(תולדות יעקב) יוסף"[33], אויף צו אַראָפּטראָגן עניני יעקב אין ארמ"צ — און אין דעם איז דאָ אין זיי אַן אויפטו לגבי יוסף:

ביי יוסף'ן, אויך ווי ער קומט אַראָפּ אין מצרים (עולמות בי"ע), איז מאיר מדריגת יעקב — אצילות — בגילוי. און וויבאַלד אַז אין זיין עבודה לייכט בגילוי די השפעה פון יעקב, וואָס איז העכער פון מצרים (בי"ע)[34], כנ"ל — איז מלכתחי־לה ניטאָ קיין אָרט אויפן העלם והסתר פון מצרים, אדרבה — ער איז שולט אויף מצרים;

קומט אויס, אַז מצד עבודת יוסף איז נאָך ניט געווען די אמת'ע ירידה (און די עבודה) אין דעם חושך פון מצרים ממש [קצה הכי תחתון] — ווי דער חושך איז אַ מנגד צום אור הקדושה,

28) ביאוה"ז (לאדהאמ"צ) כט, ג ואילך. להצ"צ ע' קסח ואילך. אוה"ת פרשתנו ד"ה בן פורת וביאורו (שפה, ב ואילך. כרך ו' — תתשמז, ב ואילך). שם (כרך ה') תתקצג, ב ואילך. (כרך ו') תתשכב, ב ואילך.

29) זח"ב קעה, ריש ע"ב. תניא ספי"ג.

30) ראה בארוכה אוה"ת ד"ה בן פורת שם. ולהעיר ג"כ מאוה"ת שם שנד, סע"א. כרך ו' תתשכג, סע"א.

31) ביאוה"ז שם. אוה"ת (כרך ה' וכרך ו') שם.

32) ריש פרשתנו. בעה"ט (ועוד) עה"פ. תורת אדה"ז (היום יום ע' יב. נת' בארוכה בלקו"ש ח"י ע' 160 ואילך). וראה גם זהר פרשתנו רטז, ב.

33) וישב לז, ב. ראה בארוכה במקומות שצויינו בהערה 28. וראה אוה"ת ירמי' שם (סק"א) בנוגע לאפרים.

34) ראה בארוכה בביאוה"ז ואוה"ת שצויינו בהערה 28 (ועוד) — שהבירור דיוסף הוא "להעלות מבריאה לאצילות להיות בבחי' אצילות ממש".

[ע״ד ווי עס איז געווען אין פשטות, אַז כל זמן יוסף האָט געלעבט האָט ניט געקענט זיין קיין גזירות אויף אידן, ס׳איז כאילו ווי מ׳איז נאָך ניט אַראָפּ אין מצרים; ערשט ווען „מת יוסף״ איז „כאי־לו אותו היום נכנסו למצרים״[34*]];

דוקא דורך „שני בניך הנולדים לך בארמ״צ עד בואי אליך מצרימה״ — די עבודה אין אַן אָרט וואו עס זעט זיך ניט אָן (מדריגת) יעקב, אין דעם חושך פון מצרים וואָס איז מעלים ומסתיר ומנגד צו קדושה — טוט זיך אויף די שלימות פון יעקב, שמבריח מן הקצה (הכי עליון) אל הקצה (הכי תחתון)[35].

יא. די דריי אופנים הנ״ל — (א) יעקב, וואָס מצד עצמו איז ער העכער פון מצרים, (ב) יוסף, וואָס באַלייכט מצרים מיט דער השפעה פון יעקב; (ג) בני יוסף, וואָס דערלאַנגען אין דעם חושך פון מצרים ווי ער איז מצד עצמו — זיינען מתאים, בכללות, צו די דריי ענינים הנ״ל (סעיף ה׳) אין דעם יתרון וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך דער ירידה אין גלות:

אין דעם ערשטן ענין — אַז מצד דעם תוקף הנשמה שלמעלה קען דער גלות ניט פועל׳ן קיין ירידה אין דער נשמה (אָבער עס ווערט ניט איבערגעמאַכט דער חושך הגלות גופא) — קומט אויס, אַז ס׳איז כאילו ווי מ׳ען בלייבט בהבדלה, העכער פון גלות [בדוגמא צו יעקב׳ן[36], וואָס מצ״ע איז ער העכער פון יורד זיין אין מצרים[37]];

דער צווייטער ענין — אַז לגבי דעם תוקף הנשמה איז ניט שייך קיין מנגד ובמילא ווערט אויך דער חושך הגלות נהפך לאור — איז בדוגמא צו עבודת יוסף[38], וואָס טראָגט אַראָפּ מדריגת יעקב אין מצרים, און די אתהפכא חשוכא לנ־הורא ווערט מצד דעם גילוי פון אצילות (יעקב)[39] אין בי״ע (מצרים).

און דער יתרון האור וואָס ווערט נמשך פון דעם חושך גופא — ווערט אויפגעטאָן (בעיקר[40]) דורך דער עבודה אין דעם חושך פון מצרים וואו עס זעט זיך ניט אָן די השפעה פון יעקב[39] — „בניך הנולדים לך בארמ״צ עד בואי אליך גו׳״.

יב. ע״פ כהנ״ל וועט מען פאַרשטיין די שייכות פון מנשה צו יוסף (וואָס

*34) שמו״ר פ״א, ד. תנחומא שמות ג. וראה בארוכה בכ״ז — לקו״ש ח״ו ע׳ 31 ואילך.

35) ראה עד״ז לקו״ש ח״י (ע׳ 164 הערה 32) — במעלת השבטים [שהם בבי״ע, ועבודתם בירור מעולם הפירוד כו׳ — ראה בהנסמן בהערה 34] לגבי יוסף, עיי״ש. ולהעיר ג״כ מפלח הרמון פרשתנו (קכא, סע״א), ד(גם) זה שהשבטים מאירים בבריאה הוא מצד שרשם מבחי׳ יעקב שבכחו להבריח מן הקצה אל הקצה כו׳.

36) ראה אוה״ת ביאור לד״ה בן פורת (שפח, ב ואילך. (כרך ו׳) תתשמז, ב ואילך), שיעקב הוא ראשית הקו, למעלה מבירורים דבי״ע (ראה שם תתשמח, א).

37) ולכן (גם) בירידתו למצרים נשאר למעלה מן החושך דמצרים.

אלא שמ״מ יש בזה יתרון לגבי מדריגתו קודם שירד למצרים — כי דוקא עי״ז שגם במקום החושך נשאר האור בתקפו, ניכר בזה יתרון האור (שביכלתו להאיר גם במקום החושך) — ראה בארוכה לקו״ש שם ע׳ 163.

38) ראה אוה״ת שבהערה 36, שיוסף הוא סיום הקו, שע״י הם הבירורים דבי״ע (יוסף גו׳ בן אחר).

39) כהחילוק דהפיכת החושך מצד אור והפיכת החושך מצד עצמו (המשך תער״ב ח״ג ע׳ א׳שכה ואילך. וראה גם לקו״ש ח״ט ע׳ 63 ואילך).

40) גם כשהפיכת החושך היא מצד אור, נעשה יתרון בהאור מן החושך עצמו — אבל אמיתית יתרון זה (מצד אמיתית שורש החושך) הוא כאשר הפיכת החושך היא מצד עצמו, כמובן מהמבואר בהמשך תער״ב שם (בענין אין הגבורות נמתקין אלא בשרשן דוקא, עיי״ש).

דערפאַר איז ער בכור יוסף), און אפרים צו יעקב[40*]:

וויבאַלד אַז ענינו של מנשה איז צו מגלה זיין דעם זכרון פון „בית אבי" (און דורך דעם איז ער מהפך דעם חושך פון מצרים) — איז דאָס בדוגמת[41] עבודת יוסף וואָס טראָגט אַראָפּ (בגילוי) עניני יעקב אין בי"ע און דורכדעם ווערט די אתהפכא.

די שלימות פון יעקב איז אָבער דוקא אין דעם יתרון האור מן החושך עצמו וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך אפרים[41*] — „הפרני אלקים בארץ עניי".

יג. אידן ווערן אָנגערופן על שם יוסף — נוהג כצאן יוסף[42]. איז דערפון מובן, אַז ביי יעדער אידן דאַרפן זייןביידע עבודות, סיי פון מנשה סיי פון אפרים[43]:

צום אַלעם ערשטן דאַרף זיך אַ איד ווינטשן און גלוסטן צו זיין אין „בית אבי" — צו זיין אין אַ מצב וואָס איז העכער פון גלות; זיין אַראָפּנידערן אין העלם העולם (בכדי צו מברר זיין דעם גלות) דאַרף זיין ווייל „אנוס על פי הדבור"[44]; ובמילא, ווי נאָר ער ענדיקט זיין שליחות אין דעם גלות־אָרט וואו די השגחה עליונה האָט אים געשיקט — „אַנטלויפט" ער גלייך אין אַן אָרט וואו ער קען זיך אָפּגעבן אינגאַנצן נאָר מיט עניני קדושה, תורה ועבודה[45].

לאידך דאַרף מען אָבער וויסן, אַז כל זמן ער איז אין זיין שליחות אין גלות, טאָר ער זיך ניט באַנוגענען מיט דער עבודה פון מנשה — צו באַוואָרענען (נאָר) זיך אַז ער זאָל ניט פאַרגעסן „בית אבי" און ניט באַווירקט ווערן פון דער סביבה —

די עבודה איז אַ הכנה צום תכלית המכוון, אַז עס זאָל זיין „הפרני אלקים בארץ עניי"[46] — באַלייכטן דעם חושך הגלות מיט נר מצוה ותורה אור, ביז צו מהפך זיין דעם חושך הגלות לאור, ולילה כיום יאיר[47].

(משיחות ש"פ ויחי תש"ל)

---

*40) להעיר ג"כ מנועם אלימלך (צויין לעיל הערה 15).

41) אבל לא ממש, כי ביוסף האיר בחי' יעקב בגילוי, משא"כ במנשה שהי' רק זכרון כו' של „בית אבי" (כפשטות הענינים, שנולד „עד בואי אליך מצרימה").

*41) וצע"ק (וכן בהמבואר לעיל סעיף ח' ובהערה 35) מאוה"ת ירמי' שם (סק"א, ח) — שאפרים הוא מאצילות כמו יוסף, למעלה מן השבטים (שהם בבי"ע).

42) תהלים פ, ב. רש"י ומצו"ד שם.

43) ולהעיר מברכת יעקב — „בך יברך (כאו"א מ)ישראל גו' ישימך אלקים כאפרים וכמנשה" (פרשתנו מח, כ).

44) הגדה של פסח. וראה שבת פט, ב. — ואין מזה סתירה לזה שהעבודה דאפרים (דלקמן בפנים) צ"ל מתוך שמחה, כמשנ"ת בשיחת ל"ג בעומר תשל"ח. ועוד.

45) ראה בארוכה שיחת מוצאי ש"פ שמיני תשל"ח, שזוהי ההוראה ממרדכי שעלה לא"י (עזרא ב, ב) אף שהי' משנה למלך כו', ע"ש באורך.

46) להעיר דבנ"י נק' ע"ש אפרים (ירמי' לא, יט. ועוד) ולא ע"ש מנשה (רמב"ן פרשתנו מח, טז).

47) תהלים קלט, יב — והיינו שהחושך יאיר מצד עצמו (ראה ס' הערכים־חב"ד ערך אור ביחס לחושך ע' תקצז, וש"נ. המשך תער"ב ח"ג ע' א'שמו).